פון די צוויי הונדערט און אַכט און פופציק בריוו אין דער זאַמלונג זענען צוויי הונדערט און איין און צוואַנציק געשריבן פון שלום אַש — הונדערט אַכט און זיבעציק צו זײַן פרוי מאַטל־מאַדזשיע, נײַן און דרײַסיק בריוו צו דוד בן־ארי, דעם ראש־העיר פון בת־ים אין דער תקופה ווען די בריוו זענען געשריבן געוואָרן, איין בריוו צו אייב קאַהאַן, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק, איין בריוו צו שמואל יעקב יאַצקאַן, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „הײַנט" אין וואַרשע, איין בריוו צו מאיר ווײַסגאַל און איין בריוו צו אביה, דער טאָכטער פון דוד בן־ארי.

די בריוו נעמען אַרום צוויי תקופות: פון 1905 — 1919 און פון 1939 — 1957. די בריוו פון מאַטל אַש זענען געשריבן זײַט די צוואַנציקער יאָרן ביז 1955.

די זאַמלונג נעמט אַרום בלויז אַ טייל פון דער פאַרצווײַגטער קאָרעספּאָנדענץ פון שלום אַש צו זײַן פרוי, צו זײַנע קינדער, צו פאַרלעגערס און רעדאַקטאָרן, צו שרײַבערס, פרײַנד און אינסטיטוציעס. אַן אַרומנעמענדיקע און אויסשעפּנדיקע זאַמלונג פון די בריוו פון שלום אַש וואָלט געפאָדערט די אַרבעט פון אַן אַקאַדעמיע. דער ציל פון דעם רעדאַקטאָר פון אָט דער זאַמלונג איז געווען גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. נעמלעך, צונויפנעמען און אַרויסגעבן אַ צאָל בריוו פון שלום אַש פון וועלכע עס זאָל זיך באַקומען דער נשמה־פּאָרטרעט פון דעם מענטש שלום אַש. דעם קינסטלער און מײַסטער שלום אַש און זײַן אַרומנעמענדיקן מאָטיוון־אוצר אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַט „דאָס שטעטל" ביז „משה" און „דער מאַן פון נצרת" קענען מיר.

זײַט שלום אַש איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — און ער איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אַ געוואַלדיק אויסגעבענקטן כּוח — זענען זײַנע האַנדלונגען און פאַרעפנטלעכונגען אָפט געווען קאָנטראָווערסיוו, נישט געקוקט דערויף וואָס ווי אַ קינסטלער איז ער געווען דער ראָמאַנטיקער און דער אַפּאָלאָגעטיקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ סגאַל כּוחות זענען געווען אין אים און אים באַוויגן צו די און אַנדערע האַנדלונגען און מאָטיוון? צי האָט שלום אַש באַטראַכט זײַן שרײַבן ווי אַ נאַציאָנאַלע שליחות, אָדער ווי אַ שרײַבערישע פּראָפעסיע אָן וועלכער עס איז אידעע? צי האָט שלום אַש געפירט זײַנע מלחמות לשם שמים, אָדער פאַר צילן וואָס זײַנע קעגנערס האָבן אים צוגעשריבן?

איך האָף, אַז דעם ענטפער אויף די אויבנדיקע פראַגעס — אויב אַפילו נישט דעם גאַנצן ענטפער — באַקומען מיר פון זײַנע בריוו אין אָט דער זאַמלונג. נישטאָ קיין מער אינטימער אויסדרוק ווי בריוו פון אַ מאַן צו זײַן פרוי, וואָס ער האָט ליב ווי אַ טייל פון אים אַליין, און וואָס זײַן גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פון איר, פון איר ליבע, פון איר וואָרט און עצה. מאַטל־מאַדזשיע אַש איז געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער אינטעליגענץ און אינטויִציע. זי האָט אין שלום אַש געזען אַ הימל־באַשערטן געליבטן און אַ קינד, אַ גרויס קינד, וואָס מען דאַרף עס באַשירעמען פון שטרויכלונגען. פאַר איר איז שלום אַש געווען אָפן און ער האָט פאַר איר גאָרנישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. זענען זײַנע בריוו צו איר געווען ווידויס פון זײַנע האַנדלונגען און מחשבות.

די צווייטע גרויסע ליבע פון שלום אַש איז געווען ארץ־ישראל. איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק אַרײַנצונעמען אין דער זאַמלונג אַ פיר צענדליק בריוו פון מאַטל־מאַדזשיע אַש, כּדי צו באַקומען די נשמה־פאַרבינדונג צווישן ביידע און פאַר קאָנפראָנטאַציע.

וועגן דעם חלום פון שלום און מאַטל אַש צו באַזעצן זיך אין ישראל און זײַנע ספקות בשייכות מיט דעם קאַמף קעגן אים פאַר זײַנע אַזוי גערופענע „קריסטלעכע ראָמאַנען" דערציילן זײַנע בריוו צו דוד בן־ארי, דעם ראש־העיר פון בת־ים, וואָס איז געווען אַ חסיד פון שלום אַש, אַ וואַרעמער ייִד, וואָס האָט געוואָלט, אַז דער ראָמאַנטיקער און אַפּאָלאָגעטיקער שלום אַש זאָל ווערן אַ סטאַבילער תּושב אין בת־ים.

פון די צוויי טיילן בריוו, צו זײַן פרוי און צו דוד בן־ארי, באַקומט זיך אַרויס, אַז שלום אַש איז געווען אַ מאַן פון נאַציאָנאַלער שליחות, אַ שרײַבער וואָס האָט געזוכט אַ תּיקון פאַר זײַן געפּרוווט פאָלק, אַ מײַסטער וואָס האָט געהאַט דאָס געפיל פון נביאות און אַן אויסדריקער פון אידעיִשע לעכצונגען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געקאָנט גובר זײַן; וואָס זענען שטאַרקער געווען פון זײַן מענטשלעכן וווּלקאַנישן טעמפּעראַמענט.

די בריוו ווערן פאַרעפנטלעכט ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן. בלויז די אָרטאָגראַפיע איז טיילווײַז מאָדערניזירט. געוויסע גראַמאַטיקאַלישע פעלערן און סטיליסטישע אומפינקטלעכקייטן זענען בכיוון איבערגעלאָזט געוואָרן, ווײַל אויך זיי זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אומרו און שרײַבערישן אימפּעט פון שלום אַש דעם מענטש. דאָ און דאָרט זענען אויסגעמיטן געוואָרן אייניצלנע אויסדרוקן פון אינטימיטעט צווישן מאַן און פרוי, וואָס זענען ווירקלעך ריין פּערזענלעכע און זיי זענען נישט געווען נויטיק פאַר דעם ציל, פאַר וועלכן די זאַמלונג ווערט אַרויסגעגעבן פאַר דער עפנטלעכקייט.

דער גרעסטער טייל פון די בריוו איז צוגעגרייט געוואָרן פון די אָריגינאַלן דורך דעם פאַרשטאָרבענעם מיכאל זילבערבערג ז"ל, וואָס איז געווען דירעקטאָר פון ייִוו"אָ אין לאָנדאָן און מחבר פון „דער וואַרשעווער טאָגבוך" אויך אין ענגליש און אין העברעיִש. מיט יראת הכּבוד דערמאָנען מיר אים.

צום סוף דריקן מיר אויס אַ דאַנק די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן דורך זייער מיט־הילף מעגלעך געמאַכט די זאַמלונג זאָל דערשײַנען.

מ. צאַנין

גלײַכער מיר זאָלן נישט קומען קיין ישׂראל. בכל נפש איבערגעגעבן צו ישׂראל — קאָן איך נישט האָבן קיין פרײַע געלעגנהייט אויסצודריקן זיך און צו שרײַבן דאָס וואָס איך וויל — לויט מײַן געוויסן — אַזוי אַרום איז קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר מיר אין ישׂראל. איך האָב קיין חשק נישט צו פּטרן מײַנע לעצטע יאָרן פון מײַן לעבן צו פירן וויכּוחים און ווערן אַ קדוש. איך האָב עפּעס בעסערס צו טון. איך האָב נאָך וואָס צו זאָגן און איך וויל האָבן די פרײַהייט צו זאָגן וואָס איך וויל זאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ געדריקטער שטימונג וועט מײַן פּרוּוו לאַנג נישט קאָנען עקזיסטירן אין ישׂראל. מיר זענען נישט קיין עמיגראַנטן, וואָס האָבן נישט וווּ צו גיין. איך בין אײַנגעלאַדן און גוטגעזען אין פיל מדינות, וווּ איך פאַרמאָג צענדליקער טויזנטער לעזער, וואָס וועלן מיך אויפנעמען מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס. וואָס שייך ישׂראל, גלויב איך, אַז איך קאָן פיל מער אויפטון פאַר די אינטערעסן פון ישׂראל זײַענדיק אין חוץ לארץ, ווי איך האָב עס געטון ביז איצט, איידער צו זײַן אין גלות אין ישׂראל. אַז די ישׂראל־ייִדן ווילן בעסער האָבן צווישן זיך חיים ליבערמאַן איידער שלום אַש און ער וועט זײַן אַ פיל אָנגענעמער אָרנאַמענט פאַר ישׂראל — זאָל זיי דאָס וווויל באַקומען. דאָס איז די אמתע סיבה וואָס האַלט אונדז אָפּ פון קומען קיין ישׂראל.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פאַר אײַער משפּחה און פאַר אײַך.

אײַער שלום אַש

## 202

CONTINENTAL HOTEL
NICE

ניצאַ, 18טער יאַנואַר [1956]

ליבער פרײַנד, [דוד בן־ארי]

אַזוי ווי איר זעט האָב איך דעם בײַליגנדיקן בריוו אָנגעשריבן מיט אַכט טעג צוריק, נאָר מײַן ווײַב האָט מיר דעם בריוו נישט געלאָזט אַוועקשיקן, כּדי איך זאָל אײַך און אײַער אייִדעלע פּרוּוו נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. איך גלויב אָבער, אַז איר מוזסט עס וויסן און איך באַדאַרף אײַך שרײַבן איצט, אין דער שווערער צײַט, עס זאָל נישט זײַן קיין חידוש בײַ אײַך, אַז מיר זענען נישט געקומען אָדער מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן [פון קומען] דערפאַר, ווײַל די לאַגע אין ישׂראל איז נישט קיין זיכערע. פּונקט פאַרקערט, טאַקע צוליב דעם האָבן מיר ביידע זיך געשטאַרקט ווען אַפילו מיר זענען ביידע קראַנק און שוואַך (קיין איין טאָג וואָס מיר זענען דאָ אין ניצע און וואַרטן אויף אונדזער אָפּרײַזע קיין ישׂראל האָבן מיר נישט געהאַט קיין פרייד נאָר מיר זענען געווען מיט אײַך צוזאַמען בעת צרה). דאָך האָבן מיר זיך געשטאַרקט, מיר האָבן זיך אײַנגעפּאַקט און מיר זענען שוין דרײַ מאָל גרייט געווען אָפּצופאָרן. נאָר צו ווערן אַ שטערונג ווען מיר קאָנען איצט קומען און נישט זײַן אַ טייל פון אײַך און בײַטראָגן אונדזער ווילן און אונדזער האַרץ, צו טראָגן מיט אײַך צוזאַמען די לאַסט — האָט עס נישט קיין טעם פאַר אונדזער קומען. נאָר איך האָב מורא, אַז מײַן קומען קאָן ווערן אַן אבן־נגף פאַר אײַך פּערזענלעך און פאַר ישׂראל בכלל.

איך האָב געהאַלטן אין איין רעדן אויף די פאַרזאַמלונגען אין ישׂראל — בײַ יעדער געלעגנהייט — אַז ישׂראל נויטיקט זיך אין פרײַנד און אין פאַרבינדעטע. קיין איין פאָלק קאָן בײַ הײַנטיקן טאָג נישט בלײַבן אָן פאַרבינדעטע, בפרט ווען עס זענען אויפגעשטאַנען אַזעלכע חיות רעות מיט באַמבעס, ווי די רוסן־באָלשעוויקעס זענען עס, וואָס זענען גרייט אונדז צו ברענגען פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון זייערע אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס צו געווינען די אַראַבער — קאָן ישׂראל נישט בויען אויף אירע אייגענע כּוחות. מיר מוזן האָבן פרײַנד צווישן די קריסטן און מיר קאָנען זיי געווינען. מיר מוזן ווערן אין זייערע אויגן די שארית־הפּליטה, וואָס גאָט פירט צוריק קיין ישׂראל, נישט בלויז פאַר ייִדן נאָר כּדי צו זײַן אַן אור לגוים, אַזוי ווי דער נביא האָט אויף אונדז נביאות געזאָגט. מײַן פרײַנד, איך האָב טאָגטעגלעכע באַווײַזן, אַז דאָס וואָס איך האָב געפּריידיקט אין מײַנע ביכער, ווערט אָנערקענט אין דער וועלט **בײַ ייִדן און בײַ קריסטן צוגלײַך.** דאָס האָט יעדער אײנער אײַנגעזען. בשעת איך בין געווען אין אַמעריקע האָבן אַלע גרויסע צײַטונגען און די אָנגעזעענסטע מענטשן עדות געזאָגט דערויף. זאָל איך ווערן גערודפט אין ישׂראל פאַר אידייען, וועלכע די גאַנצע וועלט (יאָ!) די גאַנצע וועלט אָנערקענט זיי? וועט עס נישט זײַן קיין פּעולה און אַ גליק פאַר ישׂראל (אין וועלכע ישׂראל נויטיקט זיך) נאָר אַ לאַנד אין דערנידערונג? און דאָס וויל איך אויסמײַדן אין דער איצטיקער צײַט, ווײַל ישׂראל נויטיקט זיך אין סימפּאַטיע מיט אַלע מײַנע כּוחות. דאָס איז דער טעם און די אורזאַך פאַרוואָס איך האָב אָפּגעלייגט מײַן רײַזע. פון אײַך דערוואַרט איך צו הערן אײַער מיינונג, ווייל איר זענט אַ נוגע בדבר.

מיט די הערצלעכסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

ניו־יאָרק, 1914

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך קאָן דיר גאָרנישט אַרויסשרײַבן ווי דו האָסט מיך דערפרייט מיט דײַן טעלעגראַם. גאָט מײַנער, איך ליב דאָך אײַך אַלע אַזוי אַז איך קלער באַלד איבער, גאָט ווייסט וואָס. איך האָב נישט געוואָלט צו דיר טעלעגראַפירן וועגן קינדס געזונט. איך האָב געוווּסט, אַז דו ביזט נעבעך פאַרדרייט און צעטראָגן מיטן קינד, האָב איך נישט געוואָלט דיר צרות אָנטון און קומען מיט מײַן אומרויִקייט. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז דו וועסט אַליין טעלעגראַפירן. דער דאָקטאָר דאָ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל קריגן פון דיר אַ טעלעגראַם אַז דעם קינד איז בעסער. איך קוש דיך פאַר דעם טעלעגראַם און דאַנק דיר הערצלעך.

איך גיי אונטערנעמען אַ טורנע איבערן לאַנד, דאָס וועט דויערן אַ חודש. בײַ מיר איז מער ווי זיכער אַז מיר וועלן שוין דאָ איבערבלײַבן. איך טרעט אַרײַן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און וויל זיך נעמען צו אַרבעטן צווישן אַרבעטער. דערווײַל זיץ איך דאָ אין מײַן וווינונג איינער אַליין, אין די דרײַ צימערן, און אַרבעט. אַנטקעגן מיר איז דאָ אַ גרויסער וואַלד. איך בענק נאָך דיר. קום צו מיר, מײַן טײַערע מאַדזשע, ווי אַמשנעלסטן. אַלע האָבן געהערט און וויסן פון דיר און דו האָסט דאָ אַ פיל גרעסערן נאָמען פון מיר. איך ווייס נישט ווער עס מאַכט דיך אַזוי באַרימט אַז דו ביזט די שענסטע, די איידלסטע, די אינטעליגענטסטע און בעסטע פרוי. אַלע וואַרטן מיט גרויס נײַגיריקייט דיך צו זען און צו קענען. וועסט דיר מוזן מאַכן אייניקע שיינע קליידער איידער דו וועסט אַהער קומען. דאָ קאָסט אַלץ זייער טײַער, אין פאַריז איז אַוודאי אַלץ ביליק.

דאָ איז איצט זייער קאַלט, נאָר ווען דו וועסט אַהער קומען, וועט שוין זײַן וואַרעמער.

איך קוש דיך, מײַן שיינע מאַדזשע.

דײַן שלום





ניו־יאָרק, 1914

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך האָב דיר ביז איצט נישט געשריבן. איך בין גאַנצע טעג פאַריאָגט מיט מײַן פּיעסע. איך באַדויער זייער וואָס דו ביזט נישט דאָ, דו וואָלסט געקאָנט גיכער ווי איך דעצידירן אויב דאָ צו פאַרבלײַבן. וואָס לענגער איך בין דאָ, קום איך צו דער איבערצײַגונג אַז דאָ איז אונדזער אָרט. טאַקע אַז דאָ איז דער דאָלאַר ווי בײַ אונדז אַ רובל, אָבער דאָס לעבן איז ביליקער, קינדער צו דערציִען קאָסט נישט קיין געלט און איך האָב דאָ אַ גרויס פעלד צו אַרבעטן. איך בין שוין געווען גרייט נאָך דיר שיפסקאַרטן צו שיקן. איך האָב עס אָפּגעלייגט ביז מען וועט מײַן פּיעסע אויפפירן.

פרײַנד האָב איך דאָ פיל. מען האָט מיך זייער גערן און מען האַלט פון מיר זייער. און דער „פאָרווערטס" [1] איז פון דערווײַטנס פיל שוואַרצער ווי דאָ. אָבער אויסער דעם „פאָרווערטס" זענען נאָך דאָ פיל אָנשטענדיקע מענטשן, מיט וועלכע מען קאָן לעבן, אין אַ שטאָט ווו עס לעבן אַ מיליאָן ייִדן. עס איז אַזאַ גרויס ייִדיש לעבן.

די פּיעסע מײַנע, דאַכט זיך, וועט זייער גוט גיין. טאָמאַשעווסקי [2] גיט זיך זייער פיל מי, איך אַליין אַרבעט מיט זיי. עכטע ייִדישע טענץ אין צווייטן אַקט, אַ שאָד נאָר וואָס דו ביזט נישט דאָ. עס גייט מיר נישט אײַן קיין שמחה, ווען דו ביזט נישט דערבײַ.

אַז איך וועל דיר טעלעגראַפירן און אַרײַנשיקן קאַרטן, וועסטו מוזן פאָרן נאָך לאָנדאָן, ווײַל פון לאָנדאָן גייען די אַמעריקאַנער שיפן. איך וועל דאָ אָנגרייטן אַ וווינונג. עס איז דאָ אַ געגנט ווי אין בערלין אין קורפירסטענדאַם, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן ווי די בערלינער וווינונגען. נאָך מער, מען דאַרף צו זיי גאָר קיין מעבל נישט. מען קאָן זיך דאָ זייער לײַכט אַן עצה געבן. איך גיב דיר דעם אַדרעס פון פיליכאָווסקי [3] אין לאָנדאָן.

וועסט באַדאַרפן פריִער די זאַכן אַוועקשיקן און דו זאָלסט פאָרן נאָר בלויז מיט די קינדער און קליינע פּעקלעך.

דערווײַל ריר דיך נישט, מיר קאָנען אָפּוואַרטן נאָך אַ פּאָר וואָכן. פאַריז איז רויִק און געלט האָבן מיר יעצט, גאָט צו דאַנקען. איך ווויִן מיט מײַן ברודער און גיב אויס זייער ווייניק. און דו לאָז דיר נישט צו קיין עגמת־נפש. זע אַז דו זאָלסט עסן, גוט זיך פילן, זאָלסט האָבן כּוח די רײַזע צו מאַכן.

איך קוש דיך און פאַרבלײַב דײַן איינציקער מײַן גאַנץ לעבן.

דײַן שלום